STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02032

YIDISHE KINDER TSURIK TSUM LEBN

Emanuel Patt

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יידישע קינדער

צוריק צום לעבן

יידישער אַרבעטער קאָמיטעט
ניו יאָרק
1946

Copyright 1946
BY THE JEWISH LABOR COMMITTEE

געשריבן און צוזאַמענגעשטעלט
פֿון ד״ר עמנואל פּאַט

PRINTED IN THE UNITED STATES OF AMERICA
BY MARSTIN PRESS, INC., NEW YORK CITY
438

אַנדערטהאַלבן מיליאָן יידישע קינדער

מיט זיבן יאָר צוריק זענען אין איראָפּע געווען אַנדערטהאַלבן מיליאָן יידישע קינדער (ניט אַריינרעכנדיק סאָוועט־רוסלאַנד). אויף די יידישע גאַסן פון וואַרשע און פון לאָדזש, פון קאָוונע און ריגע, פון מינסק און קיעוו, פון טשערנאָוויץ און בודאַפּעסט האָבן זיך יידישע יינגלעך געשפּילט אין באַל און אין קנעפּלעך, אין „באַהעלטעניש" און אין „גזלנים". מיידעלעך האָבן אויפן סאַמע מיטן קראָכמאַלנע גאַס אין וואַרשע, אויף נאָווגאָראָד אין ווילנע, אויפן לאָדזשער באַלוט זיך אָנגענומען פאַר די הענט און אַוועק אין אַ קאַראַהאָד:

„שייניניקע בלימעלעך וואַקסן אין גאָרטן,
שייניניקע בלימעלעך פון אַלערליי סאָרטן,
אַ קראַנץ פון רויזן, אַ קראַנץ פון בלומען
האָט ביי אונז שרהלע צוגענומען..."

יידישע קינדער פון מעדעם-סאַניטאַריום; פון די קינדער זענען אויסגעוואַקסן באַרימטע געטאָ-העלדן. אין די רעמלעך: מאַרעק עדעלמאַן, קאָמענדאַנט פון וואַרשעווער געטאָ-אויפשטאַנד; חנה קרישטאָל-פרישדאָרף (רעכטס), קעמפערין פון געטאָ, שפּעטער אַ מיטגליד פון אַ פּאַרטיזאַנער אָפּטיילונג; פייגע פעלטעל („וולאַדקע"), קוריערין פון דער אומלעגאַלער באַוועגונג.

אַ פּאַוויליאָן פון מעדעם-סאַניטאַריום אין פּוילן

די שׂרהלעך און די חנהלעך, די משהלעך און אברהמעלעך האָבן זיך געלערנט אין יידישע שולן. קלוגע, שוואַרצע, יידישע אויגן פלעגן זיך איינגראָבן אין שוואַרצע יידישע פּינטעלעך און געלערנט וועגן מרים הנביאה, וואָס איז געגאַנגען און געזונגען בראש פון דער באַפרייטער יידישער מחנה און וועגן חנהן מיט אירע זין. מען האָט פאַרגאָסן טרערן איבער יעקב דינעזאָנ׳ס „יאָסעלע" און מען האָט, צוזאַמען מיט מאָטל פּייסי דעם חזנס, געלאַכט פון דער וועלט און אירע צרות.

אויף די ענגע און קרומע יידישע געסלעך איז אויפגעגאַנגען אַ נײַ לעבן. אַ פרייער, שטאָלצער דור איז געוואַקסן.

די קייל האָט געטראָפן אין ציל

אין סעפּטעמבער 1939 איז געקומען דאָס אומגליק. די נאַצים האָבן געוואוסט, אַז דאָס האַרץ פון יידישן פאָלק זענען די יידישע קינדער. פון סאַמע ערשטן טאָג פון קריג אָט זיך אָנגעהויבן די שחיטה אויף יידישע קינדער.

ווער קען באַשרייבן די עינוים פון די יידישע קינדער?

זיי זענען אומגעקומען פון באמבעס און קרענק. עס האבן אין די געטאס געבושעוועט שרעקלעכע מגפות. דער מלאך־המות האט צווישן די קינדער געהאט זיין בעסטן שניט.

יידישע קינדער זענען אויסגעגאנגען פון הונגער, זענען דערשאסן געווארן זיך גנבענדיק איבער די ווענט פון די געטאס.

און די, וואס האבן איבערגעטראגן די מגפות, דעם הונגער, האבן די דייטשן אומגעבראכט אין טרעבלינקא און מאידאנעק, אין בעלזשעץ און אין אוישוויץ.

פערל עלנבויגן, א לערערין אין דעם מעדעם־סאניטאריום — די וואונדערבארע היים פון די יידישע קינדער אין פוילן, וועלכע די אמעריקאנער ארבעטער האבן אויפגעבויט — דערציילט אין א באריכט צום יידישן ארבעטער קאמיטעט וועגן דעם, ווי אזוי מען האט אוועקגעפירט די דריי הונדערט קינדער פון דעם סאנאטאריום. זייערע געטריייע לערער, מיט דער אנפירערין ראזע אייכנער בראש, האבן זיי ניט פארלאזט ביז דער לעצטער רגע.

גאנצע יידישע קינדערהיימען, יתומים־הייזער, קינדער־שפיטאלן זענען אוועקגעפירט געווארן אין די „אויוונס״, וואו זיי זענען פארברענט געווארן.

א קליינער יינגל, שמואל אייזן, פון טלוסטע, ביי ווארשע, האט דערציילט, ווי אזוי יידישע קינדער זענען געשוואומען אין בלוט:

„אויפן בית־עלמין האט מען אויסגעגראבן פיר גרויסע גריבער. איבער די גריבער האט מען אוועקגעלייגט א ברעט. אויף דער ברעט האט מען געהייסן צען נאקעטע יידן זיך אוועקשטעלן. אויף זיי האבן די דייטשן געשאסן מיט מאשין־געווער. די געטראפענע פלעגן אריינפאלן אין גרוב. די שחיטה האט געדויערט פון מאנטיק ביז דאנערשטיק. די נאך לעבן־געבליבענע יידן האבן געמוזט פארשיטן די דערשאסענע. קינדער פלעגט מעןווארפן אין גרוב לעבעדיקע. די קינדער פלעגן ממש שווימען אין בלוט.״

דער בלוטיקער חשבון

נאך דער מלחמה האט זיך דאס שרעקלעכע בילד אנטפלעקט פאר די אויגן פון דער וועלט.

לאמיר איינקריצן אונזערע אויגן אין די פאלגנדיקע ציפערן פון א צאל אייראפעאישע לענדער. לאמיר פון זיי ארויסלייענען די גאנצע טיפקייט פון אונזער חורבן:

צאָל קינדער פאַר און נאָך דער מלחמה

לאַנד	אין יאָר 1939	אין יאָר 1945
פוילן	921,714	20,000
אונגאַרן	78,244	12,000
טשעכאָסלאָוואַקיע	85,996	2,000—5,000
האָלאַנד	22,400	4,300
עסטרייך	30,000	300

דאָס איז ניט קיין פולע רשימה. וועגן טייל לענדער, ווי סאָוועט־רוס־לאַנד, זענען קיין ידיעות ניט פאַראַן. אין גאַנץ אייראָפּע, אויסער ענגלאַנד, וואו דער יידישער ישוב איז פאַרבליבן כמעט אומבאַרירט, און דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, זענען פאַרבליבן קוים הונדערט פופציק טויזנט יידישע קינדער.

וואו געפינען זיך איצט די יידישע קינדער פון אייראָפּע?

רומעניע	60,000	טשעכאָסלאָוואַקיע	2,000—5,000
פוילן*)	20,000	בעלגיע	4,000
פראַנקרייך	15,000	גריכנלאַנד	2,400
אונגאַרן	12,000	יוגאָסלאַוויע	2,400
בולגאַריע	12,000	דייטשלאַנד	1,500
איטאַליע	7,000	שווייץ	1,000
האָלאַנד	4,300	שוועדן	1,000

דער יידישער אַרבעטער קאָמיטעט
און הילף פאַר די קינדער

די הונדערט פופציק טויזנט יידישע קינדער — זיי זענען דער גרעס־טער אוצר פון אונזער פאָלק. דוקא ווייל די צאָל איז אַזאַ קליינע, ווערט די זאָרג פאַרן געזונט, פאַר דער דערציאונג פון יעדן קינד אַ הייליקע עבודה.

דער יידישער ארבעטער־קאָמיטעט האָט, זינט זיין גרינדונג, אַלע מאָל געהאַלטן די הילף פאַר יידישע קינדער — יידישע קינדער אינסטיטוציעס, יידישע שולן — פאַר איינע פון זיינע וויכטיקסטע אויפגאַבעס.

---

*) שוין צוגערעכנט די צאָל יידישע קינדער (אַן ערך 15,000) פון די פוילישע יידן, וואָס האָבן זיך געראַטעוועט אין רוסלאַנד; דער גרעסטער טייל האָט זיך שוין צוריקגעקערט קיין פוילן.

אין אַשוויענטשים

אַ בילד פון דעם באַרימטן פוילישן מאַלער זיגאָווי מאָלקאַטשעוו

ווי נאר עס איז אויסגעבראכן די מלחמה, האט דער יידישער ארבעטער קאמיטעט גענומען זארגן, אז די יידישע קינדער זאלן געשיצט ווערן.

פראנקרייך איז דאס לאנד, וואו די מערסטע יידישע קינדער זענען געראטעוועט געווארן. טויזנטער פראנצויזן האבן געהאלפן אויסבאהאלטן די יידישע קינדער.

דער יידישער ארבעטער קאמיטעט האט געפונען וועגן אין דער צייט פון קריג, ווי אזוי צו שטארקן די דאזיקע כחות. ער האט געשיקט פון אמעריקע געלט פאר דער פראנצויזישער אונטערערדישער באוועגונג, פאר די סאציאליסטן, טרעיד־יוניאניסטן און אנדערע, וועלכע האבן געקעמפט קעגן די נאצים און אויך געהאלפן צו באקעמפן ד אויסראטונג פון די יידן

גלייכצייטיק האט דער ארבעטער קאמיטעט געשטיצט די אומלעגאלע יידישע ארבעטער־ארגאניזאציעס, וואס האבן זיך פארנומען מיט דער זארג פאר די יידישע קינדער. עס איז געשאפן געווארן א צענטראלע אנפירונג פון די יידישע יוגנט־ארגאניזאציעס, וואס האבן אויסגעפירט די פראקטישע ארבעט.

ווען די געפאר איז געווארן זייער גרויס, ווען מען האט שוין אנגעהויבן ארויספירן די קינדער פון די קלויסטערס, וואו מען האט זיי באהאלטן, האט מען ארגאניזירט א שמוגל פון די קינדער קיין שווייץ. אויך דא האבן שטארק געהאלפן די פראנצויזישע פריינט, וועלכע האבן געפירט די קינדער איבער די אלפן־בערג. אין שווייץ האבן די פארשטייער פון יידישן ארבעטער קאמיטעט, מיטן באקאנטן פראפעסאר ל. הערש בראש געזארגט, אז מען זאל די קינדער אריינלאזן און אז זיי זאלן קריגן היימען וואו צו וואוינען.

דעם יידישן ארבעטער קאמיטעט איז געלונגען צו דערגרייכן די בעלגישע אונטערערדישע באוועגונג. דארט האט געארבעט א ספעציעלע אומלעגאלע ארגאניזאציע, וואס האט זיך פארנומען מיט אויסבאהאלטן יידישע קינדער אין קריסטלעכע היימען. אויב עס זענען פארבליבן יידישע קינדער אין בעלגיע, איז עס דער עיקר דער פארדינסט פון דעם דאזיקן קאמיטעט. ווען בעלגיע איז באפרייט געווארן, האבן זיך 1,800 יידישע קינדער געפונען אין קריסטלעכע היימען און אנשטאלטן. אין 1945 איז דער פירער פון דעם דאזיקן קאמיטעט, דר. אללארד, געווען אין ניו יארק, וואו ער האט עפענטלעך געדאנקט דעם יידישן ארבעטער קאמיטעט פאר דער הילף.

דער יידישער ארבעטער קאמיטעט האט, דורך זיינע פארבינדונגען מיט דער אינטערנאציאנאלער ארבעטער באוועגונג, באאיינפלוסט די סאציאליסטישע רעגירונג פון שוועדן, וועלכע האט זיך אזוי אויסגעצייכנט מיט איר פרעכטיקער הומאניטארער רעטונגס־אקציע לטובת די יידן.

הילף פאַר די קינדער אין פוילן

אמשווערסטן איז געווען צוצוקומען קיין פוילן. די וועגן, ווי אַזוי הילף פלעגט אָנקומען, זענען די סאַמע פאַנטאַסטישסטע. אָבער דאָס וויכטיקסטע: דאָס געלט פון יידישן ארבעטער קאָמיטעט פלעגט דערגיין! גאָר אַ גרויסער טייל פון באַקומענעם געלט איז פאַרנוצט געוואָרן אויף אויסבאַהאַלטן יידישע קינדער ביי „אַרישע" משפחות.

פון די חרובע געטאָס איז צו אונז דערגאַנגען אַ האַרץ־דרייסנד ליד פון אַן אומבאַקאַנטן יידישן דיכטער. דאָס ליד האָבן זיכער געזונגען הונדערטער מאַמעס אין די שטעט און שטעטלעך פון ליטע און פוילן:

אין אַ ליטוויש שטעטל נישט ווייט,
אין אַ הייזל אָן אַ זייט,
דורך אַ פענסטער נישט קיין גרויס
קוקן קעפּעלעך אַרויס.

יינגעלעך מיט בלאָנדע קעפּ
מיידעלעך מיט פלאַקסן־קעפּ
און דאָרטן צווישן זיי
קוקן אויגן שוואַרצע צוויי.

אויגן שוואַרצע, פול מיט חן
און אַ קעפּעלע אַ קליינס
ליפּעלעך צו קושן נאָר
שטאַרק געלאָקטע שוואַרצע האָר.

די מאַמע האָט אים דאָ געבראַכט
איינגעוויקלט, אין דער נאַכט
געהאַלזט, געקושט, געוויינט, געקלאָגט,
און האָט צו אים אַזוי געזאָגט:

פון היינט, מיין קינד, איז דאָ דיין אָרט
הער זיך צו צו דיין מאַמעס וואָרט
כ'האָב געבראַכט דיר דאָ דערפאַר
ווייל ס'דראָט דיין לעבן אַ געפאַר.

מיט די קינדער שפּיל זיך פיין,
רואיק, שטיל, געהאָרכזאַם זיין,
קיין יידיש וואָרט, קיין יידיש ליד
פון היינט, מיין קינד, ביזט מער קיין ייד...

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

אַ קליינע שטוב מיט מענטשן פול
ער דרייט אַרום זיך רואיק, שטיל.
זינגט ניט, רעדט ניט, בעט קיין זאַך
זעלטן ווען ער גיט אַ לאַך.

פרעמד איז דאָ אים יעדע שטים
יעדעס וואָרט, וואָס מען רעדט צו אים,
זיין נאָמען וואַסיאַ איז אים פרעמד
זיין קינדיש הערצל שטאַרק פאַרקלעמט.

אין פרעמדע הייזער, צווישן בייזע מענטשן, האָבן הונדערטער יידישע קינדער דאָך איבערגעלעבט די שוידערלעכע יאָרן און זיך דערלעבט צו היטלערס מפּלה. דער אַרבעטער קאָמיטעט איז שטאָלץ, וואָס ער האָט מיטגעהאָלפן זיי צו ראַטעווען.

פּראָגראַם פון אַרבעטער קאָמיטעט וועגן הילף־אַרבעט פאַר יידישע קינדער

1. מען מוז די קינדער פריער פון אַלץ היילן.

צוואַנציק פּראָצענט פון אַלע יידישע קינדער האָבן טובערקולאָז. אויך אַנדערע חולאתן פרעסן די קערפּערס פון די קינדער. זיי מוזן קריגן מעדיצינישע הילף. עס דאַרפן געשאַפן ווערן קינדער־סאַניטאַריומס. דער יידישער אַרבעטער קאָמיטעט שאַפט פאַר דעם צוועק ספּעציעלע אינסטיטוציעס און העלפט די עקזיסטירנדע.

2. מען מוז די קינדער באַשפּייזן, באַקליידן, באַשוכן.

דער יידישער אַרבעטער קאָמיטעט שיקט כסדר טראַנספּאָרטן פון שפּייז, קליידער, שיך קיין אייראָפּע. גאַר אַ גרויסער טייל פון די טראַנספּאָרטן איז פאַר קינדער־אַנשטאַלטן. עס ווערן אויך סיסטעמאַטיש געשיקט אינדיווידועלע פּעקלעך צו קינדער און צו משפחות מיט קינדער.

3. מען מוז באַזאָרגן די קינדער מיט היימען, וואו זיי זאָלן דערצויגן ווערן.

אַ גרויסער פּראָצענט פון די קינדער זענען יתומים. אין פּוילן (איידער עס האָט זיך אָנגעהויבן די רעפּאַטריאַציע פון סאָוועט־רוסלאַנד) האָבן בלויז צען פּראָצענט קינדער געהאַטביידע עלטערן. צוואַנציק פּראָצענט זענען געווען קייל־עבדיקע יתומים. כמעט אַלע זענען געווען פאַרוואָרלאָזט, האַלב־פאַרווילדעט, נאָך די יאָרן פון לעבן אין באַהעלטעניש אין די וועלדער, אין גריבער. בויען נייע היימען פאַר די קינדער און שטיצן די עקזיסטירנדע היימען, איז אַ גרויסע און וויכטיקע אויפגאַבע.

4. די קינדער מוזן דערצויגן ווערן אַלס יונגע, שטאָלצע יידן.

במשך פון זעקס יאָר האָבן די קינדער זיך אָנגעהערט, אַז יידן זענען דאָס ערגסטע פון דער וועלט. די עלטערן גופא האָבן זיי אָנגעזאָגט, אַז זיי זאָלן פאַרגעסן זייער יידישן נאָמען. איצט דאַרף מען זיי צוריקברענגען צום יידישן פאָלק.

יידישע קינדער־אַנשטאַלטן געשטיצט פון אַרבעטער קאָמיטעט

מיר וועלן אייך איצט באַקענען מיט אַ ריי אינסטיטוציעס, וואָס ווערן געשטיצט דורכן יידישן אַרבעטער קאָמיטעט.

פראַנקרייך

אין פראַנקרייך האָט דער יידישער אַרבעטער קאָמיטעט געקענט אַמ־שנעלסטן צוקומען מיט זיין הילף. 15,000 יידישע קינדער זענען דאָרט אָפּ־געראַטעוועט געוואָרן. אין ערשטן באַריכט, וואָס דער יידישער אַרבעטער קאָמיטעט האָט ביים סוף פון דער מלחמה באַקומען פון פראַנקרייך, איז געווען געזאָגט:

„עס וועט קודם כל נויטיק זיין צו שאַפן קינדערהיימען, וואו עס וועט מעגלעך זיין צו באַפרייען די קינדער פון די איינפלוסן פון דער קאַטוילישער סביבה, אין וועלכער זיי האָבן זיך צייטווייליק געפונען

אַ יום-טוב אין דער היים פאַר קינדער פון דערשאָסענע און דעפּאָרטירטע אין לע-מאַן
אינמיטן: ג. באַנין

און זיי דערציען אין בעסערע באדינגונגען, אין פולן באוואוסטזיין, אז זיי זענען יידישע קינדער. א פארשטענדניספולע אטמאספערע וועט העלפן היילן די מאראלישע וואונדן פון די קינדער, וועלכע זענען א רעזולטאט פון פארפאלגונגען און דער דעפארטאציע פון זייערע עלטערן.״

די דאזיקע ווערטער זענען געווארן די ריכט־ליניעס פאר דער טעטיקייט פון יידישן ארבעטער קאמיטעט אין פראנקרייך.

קינדער־הויז אין לע־מאן

די ערשטע קינדער־אינסטיטוציע, וואס איז געשאפן געווארן מיט די מיטלען פון יידישן ארבעטער קאמיטעט, איז דאס קינדער־הויז אין לע־מאן.

דאס איז א היים פאר יתומים, וועמענס עלטערן זענען דעפארטירט אדער דערשאסן געווארן. דאס הויז איז ארגאניזירט געווארן דורכן פאריזער „ארבעטער רינג״. דער פארוואלטער איז דער זון פון בארימטן יידישן פעדאגאג גרשון פלודערמאכער, וועלכער איז אומגעקומען אין ווילנע.

ווען מען קוקט איצט אן די קינדער, קען מען זיך ניט פארשטעלן, אז די דאזיקע יינגעלעך און מיידעלעך האבן אליין דורכגעמאכט דעם גרויל פון די מלחמה־יארן. אין לע־מאן איז שטענדיק פריילעך. עס קומען פאר אפטע

זיי זינגען יידישע לידער
יתומים פון דעפארטירטע און דערשאסענע עלטערן אין
קינדער־היים פון לע־מאן

די קינדער פון דער אַרבעטער רינג היים נעמען אויף אַ גאַסט, פּראָפ. ל. הערש פון גענף. אויפן וואַנט הענגט דאָס בילד פון לעאָן בלום.

יום־טובים, וואו די קינדער, וואָס האָבן נאָך מיט צוויי יאָר צוריק געמוזט אויסבאַהאַלטן זייער יידישקייט, זינגען און דעקלאַמירן יידישע לידער. עס איז רירנד צו הערן פון די מיילעכלעך פון די דאָזיקע קינדער די ווערטער פון אַ ליד, וואָס איז ממש געוואָרן דער הימן פון די יידישע קינדער און דער־וואַקסענע אין פראַנקרייך:

„וואו יידן זענען, וועלן יידן זיין."

געזעלשאַפט „קינדער־קאָלאָניע"

די געזעלשאַפט „קינדער־קאָלאָניע" איז געגרינדעט געוואָרן מיט צוואַנ־ציק יאָר צוריק דורך אַ גרופּע יידישע פאָלקס־טוער. אונטער דער נאַצישער אָקופּאַציע האָט די „קינדער־קאָלאָניע" זייער פיל אויפגעטאָן ביים ראַטעווען יידישע קינדער פון דעפּאָרטאַציע. אין אַ געדרוקטן באַריכט פון דער „קינ־דער־קאָלאָניע" ווערן אויסגערעכנט 47 טוערס פון דער אָרגאַניזאַציע, וועל־כע זענען אומגעקומען בעת דער אָקופּאַציע, פיל פון זיי בעת דער הייליקער אַרבעט פון ראַטעווען קינדער.

דעם 15טן יאַנואַר 1946 האָט די „קינדער־קאָלאָניע" געהאַט אונטער איר השגחה ניין הונדערט דריי און זעכציק קינדער. דערפון:

קיילעכדיקע יתומים — — — —	294
אָן אַ פאָטער — — — — — —	466
אָן אַ מוטער — — — — — —	70
מיט ביידע עלטערן — — — —	133

צו דער לעצטער גרופּע געהערן קינדער, וועמענס עלטערן זענען צוריק־געקומען קראַנקע פון די קאָנצענטראַציע־לאַגערן.

די „קינדער־קאָלאָניע" פירט אַזוי איר אַרבעט: טייל קינדער האַלט זי אויס אין אייגענע אַנשטאַלטן; די איבעריקע זענען מיט די איבער:געבליבענע עלטערן, ביי קרובים אָדער ביי פרעמדע מענטשן און די אָרגאַניזאַציע צאָלט פאַר זייער אויסהאַלטונג. דערצו האָט נאָך די „קינדער־קאָלאָניע" באַזאָרגט די קינדער (און פיל פון זייערע עלטערן) מיט קליידער, שיך און מעדיצינישער הילף. די אָרגאַניזאַציע האָט אַן אייגענע קינדער־דיספּענסערי אין פּאַריז.

גלייך נאָך דער מלחמה האָט די „קינדער־קאָלאָניע" איבערגענומען אַ יתומים־הויז און האָט אָפּגעדונגען עטלעכע הייזער אין פאַרשיידענע שטעט אויף צו באַזעצן די יתומים. דער יידישער אַרבעטער קאָמיטעט האָט די גאַנצע צייט געשטיצט די דאָזיקע וויכטיקע אַרבעט.

די געזעלשאַפט „קינדער־קאָלאָניע" בויט איצט, מיט דער הילף פון אַרבעטער קאָמיטעט, אַ גרויסן יידישן קינדער־דאָרף אין לאַ־וואַרען. דאָס דאָרף וועט טראָגן דעם נאָמען פון קדוש פון „קינדער־קאָלאָניע" דוד ראַפּאַפּאָרט, וואָס איז געפאַלן דעם 1טן יאַנואַר, 1943 אויף זיין פּאָסטן ביי דער קינדער־הילף. דאָס צענטראַלע הויז וועט טראָגן דעם נאָמען פון יידישן אַרבעטער קאָמיטעט.



מען לערנט זיך לייענען און שרייבן יידיש

פאַר די הענטלעך אין די רינגען,
שיינע, קליינע קינדער זינגען...

אין אייגענעם קינדער-גאָרטן פון דער געזעלשאַפט „קינדער-קאָלאָניע"



די קינדער באַקומען מלבושים, געשיקט פון יידישן אַרבעטער קאָמיטעט
אין אַמעריקע.

זייערע עלטערן האָבן די דייטשן דערשאָסן אָדער דעפּאָרטירט

נחום אַראָנסאָן־הויז

דאָס נחום אַראָנסאָן־הויז, ווי דאָס הויז פון לע־מאַן, איז באַשטימט דער עיקר פאַר קינדער פון דעפּאָרטירטע און דערשאָסענע. דאָס הויז געפינט זיך אין זייער אַ שיינער געגנט און די קינדער געפינען זיך אונטערן אויפזיכט פון אויסגעצייכנטע לערער און דערציער. סיי דער געזונט־צושטאַנד פון די קינדער, סיי זייער שטימונג האָבן זיך אויסערגעוויינלעך פאַרבעסערט במשך פון דער צייט, וואָס זיי זענען אין דער נייער היים. דאָס הויז ווערט אָנגעפירט דורך דער אָרגאַניזאַציע פון לינקע פועלי ציון אין פראַנקרייך.

קינדער און לערער פון נחום אַראָנסאָן-הויז מיטן שליח פון יידישן אַרבעטער קאָמיטעט פּ. גאָלדמאַן.

יידישע שולן

דער אַרבעטער קאָמיטעט העלפט אויך די יידישע פאָלקס־שולן אין פאַריז. אַזעלכע שולן זענען פאַראַן ביים אַרבעטער רינג, ביי די לינקע פועלי־ציון און ביי דער „קינדער־קאָלאָניע״. לויטן פראַנצויזישן סיסטעם פון לערנען אין די שולן, האָבן די קינדער דעם גאַנצן דאָנערשטיק פריי. דאָנערש־טיק און זונטיק גייען די יידישע קינדער אין די יידישע שולן. זיי קריגן דאָרט אויך צו עסן.

זומער־קעמפּס

איינע פון די גאָר וויכטיקע אַרבעטן איז דאָס אַרויספירן יידישע קינ־דער אויף זומער־קעמפּס. די מערהייט פון די יידישע קינדער איז שוואַך, בלוט־אָרעם. אַ סך פון זיי זענען קינדער פון דעפּאָרטירטע עלטערן. די דער־נערונג אין דער היים איז אויך ניט גוט. אין די צוויי חדשים, וועלכע זיי פאַרברענגען אין וואַלד, אויפן פעלד, קריגן די קינדער כחות פאַרן פאַר־שטייענדיקן לאַנגן יאָר פון שלעכטער דערנערונג און קעלט.

שוין אין ערשטן יאָר נאָך דער באַפרייאונג האָט דער יידישער אַרבעטער קאָמיטעט מיטגעהאָלפן איינצואָרדנען אַ ריי זומער־קעמפּס. דער אַרבעטער

יידישע קינדער ווידער אין יידישע שולן

רינג אין פאריז האט געהאט פינף קעמפס, די „קינדער־קאלאניע" — צוויי, די לינקע פועלי־ציון — דריי. צוזאמען זענען מיט דער הילף פון ארבעטער קאמיטעט 700 קינדער ארויסגעפארן פון פאריז.

אין יאר 1946 האט מען געמאכט אן אנשטרענגונג און די צאל קינדער איז כמעט פארטאפלט.

די קינדער פארברענגען די זומער־חדשים אויף דער פרייער לופט, אין שפיל און פארוויילונג. „צי זענען דאס די זעלבע קינדער?" פרעגט אין אן ארטיקל אין א פאריזער יידישער צייטונג איינער, וואס האט געזען די אויסגעדארטע, בלאסע קינדער, ווען זיי זענען ארויסגעפאהרן פון דער פארחושכטער שטאט.

זומער־קעמפס פון „סקיף"

דער „סקיף" (דאס זענען די ראשי תיבות פון די ווערטער „סאציאליסטישער קינדער פארבאנד") איז א גרויסע יידיש־סאציאליסטישע דערציאונג־ארגאניזאציע פאר קינדער אין עלטער פון צען ביז זעכצן יאר. זיי ווילן פארזעצן אין זייער דערציאונג די גרויסע גייסטיקע ירושה פון די יונגע סאציאליסטישע העלדן פון די געטא־אויפשטאנדן.



א געזונטע נשמה אין א געזונטן קערפער

אָפּגע'טובל'ט זיך אין פרישן וואַסער

כאָטש מיר זענען יונג און קליין,
ווי די העלדן דאַרף מען גיין! ...

זומער־צייט פאָרן אַרויס די יידישע סקיפּיסטן פון פראַנקרייך אויף קעמפּס, וועלכע זיי רופן „קינדער־רעפּובליקן" און מיט וועלכע זיי פאַרוואַלטן אַליין: „מיר בויען אונזער וועלט אַליין" — איז דער פּאַראָל פון די סקיף־קעמפּס. די קינדער לעבן אין געצעלטן, קאָכן זיך אַליין דאָס עסן. אַ פּאָר יוגנטלעכע, אויך געוועזענע „סקיפּיסטן", העלפן זיי מיט.

אין יאָר 1945 האָט דער „סקיף" געהאַט אַן אייגענעם קעמפּ און האָט אויך אַנטייל גענומען אין די אַלגעמיינע קעמפּס פון דער פראַנצייזישער סאָציאַליסטישער קינדער־אָרגאַניזאַציע.

היינטיקס יאָר האָט דער אַרבעטער קאָמיטעט געהאָלפן די קינדער זיך צו באַזאָרגן מיט אַלעם נויטיקן, כדי עס זאָל זיי גאָרניט פעלן אויפן קעמפּ. עס איז אָפּגעקויפט געוואָרן „סוירפּלוס" מאַטעריאַל פון דער אַמעריקאַנער אַרמיי. אין רירנדע בריוו דאַנקען די קינדער פאַר דער דאָזיקער מתנה.

זומער-קעמפּ פון „סקיף"

אונזער פאָן, די פרייהייט־פאָן
פלאַטערט שטאָלץ איבער אונז

קינדער־קעמפּ אין ברייטאָן, ענגלאַנד

די פּאַריזער סקיפּיסטן קומען אָן אויפן אינטערנאַציאָנאַלן קינדער-קעמפּ

הונדערט צען יידישע קינדער פֿאָרן אויף אַן אינטערנאַציאָנאַלן קעמפּ אין ברייטאָן, ענגלאַנד

מיט דער הילף פון יידישן ארבעטער קאמיטעט אין אמעריקע און פון יידישן ארבעטער הילף קאמיטעט אין לאנדאן זענען הונדערט צען יידישע ארבעטער קינדער דעם זומער אפגעפארן אויף א גרויסן אינטערנאציאנאלן קינדער־קעמפּ אין ברייטאן, דעם שענסטן ים־פּלאץ אין ענגלאנד. דעם קעמפּ האט איינגעארדנט די בריטישע לעיבאר באוועגונג און עס האבן אין אים זיך באטייליקט קינדער פון צען פעלקער. די יידישע גרופּע איז געווען די גרעסטע גרופּע פון אויסלאנד און די יידישע שפּראך האט הויך געקלונגען איבערן קעמפּ. נאך יארן פון פארפאלגונג האבן די יידישע קינדער זיך ווידער פארברידערט מיט זייערע ברידער־קינדער פון אנדערע פעלקער.

זייענדיק אין לאנדאן זענען די פאריזער „סקיפּיסטן” ארויסגעטראטן מיט א רייכן קינסטלערישן פּראגראם אויף א גרויסער פארשטעלונג, וואס האט אויפגערודערט דאס יידישע לאנדאן .



די יוגנט גרייט זיך צו ווערן לערער אין יידישע שולן און קינדער-היימען

שולן פאַר לערער

דער יידישער אַרבעטער קאָמיטעט העלפט פינאַנציעל די זייער וויכטיקע שול פאַר לערער און פאַר דערציער פון פיזישער קולטור, וועלכע דער „אזע" מיטן אַרבעטער קאָמיטעט האָבן געגרינדעט אין פראַנקרייך.

אין שווייץ האָבן די צוויי אָרגאַניזאַציעס אויפגעבויט אַ לערער־סעמינאַר, וואו יידישע יוגנטלעכע קריגן די נויטיקע בילדונג און אויסשולונג פאַר זייער ווייטערדיקער אַרבעט אין יידישע שולן און קינדער־היימען. די צאָל לעבן־געבליבענע יידישע לערער אין אייראָפּע איז זייער אַ קליינע און דער אַרבעטער קאָמיטעט העלפט פאַרפילן אַ וויכטיקן בלויז.

וולאַדעק־סאַנאַטאָריום

אין שטעטל ברינוא, 12 מייל פון פאַריז, געפינט זיך דאָס קינדער־סאַנאַטאָריום, וואָס טראָגט דעם נאָמען פון באַרימטן פירער פון די יידישע אַרבעטער אין אַמעריקע און דעם גרינדער פון יידישן אַרבעטער קאָמיטעט ב. וולאַדעק. דאָס סאַנאַטאָריום באַשטייט פון זעקס בנינים, וועלכע געפינען זיך אין אַ פראַכטפולן פּאַרק. די הייזער זענען גרינטלעך איבערגעבויט געוואָרן, כדי זיי זאָלן זיין פּאַסיק פאַר אַן אַפּרו־היים פאַר קינדער. דאָס סאַנאַטאָריום איז באַשטימט פאַר שוואַכע קינדער, וואָס מוזן זיך דערהאָלן נאָך קראַנקהייט, נאָך די שרעקלעכע הונגער־יאָרן אונטער דעם נאַצישן יאָך. די צאָל קינדער, וואָס נויטיקן זיך אין אַזאַ הייל־אַנשטאַלט, האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר פיל גרעסער, ווי די אויפנאַם־מעגלעכקייטן פון דעם

אַ פּאַוויליאָן פון וולאַדעק-סאַניטאַריום



פריער האָבן דאָרט געוואוינט פראַנצויזישע אַריסטאָקראַטן, איצט היילען זיך
דאָרט יידישע קינדער (וולאַדעק סאַניטאַריום)

װאָלאַדעק־סאַנאַטאָריום. די גריקלעכע קינדער, װאָס זײַנען אָנגעקומען געװאָרן, האָבן געפֿונען די סאַמע באַקװעמסטע באַדינגונגען פֿאַר זײער הײלונג. דאָס װאָלאַדעק־סאַנאַטאָריום װעט זײַן אַ מוסטער הן אַלס אַ פּעדאַגאָגישע, הן אַלס מעדיצינישׂ־סאַניטאַרע אינסטיטוציע און װעט זײַן אַ װירדיקער נאָכפֿאָלגער פֿון דעם פֿאַר־מלחמהדיקן באַרימטן מעדעם־סאַנאַטאָריום אין מיעדזעשין, בײַ װאַרשע.

דאָ, אין אַמעריקע, האָבן די יוגנט־בראַנטשעס און די ענגליש־רעדנדיקע בראַנטשעס פֿון אַרבעטער רינג איבערגענומען די אַפּטרופּסות איבער דעם װאָלאַדעק־סאַנאַטאָריום און האָבן געשאַפֿן באַדײַטנדע סומען געלט פֿאַר דער אײַנריכטונג פֿון דאָזיקן פּרעכטיקן אַנשטאַלט.

בעלגיע

גלייך נאָך דעם, ווי עס האָט זיך אָנגעהויבן די אַרבעט פון יידישן אַרבעטער קאָמיטעט אין פראַנקרייך, זענען געשאַפן געוואָרן די ערשטע קינדער־אינסטיטוציעס אין בעלגיע.

די לאַגע פון די יידישע קינדער אין בעלגיע איז אומגעפער די זעלבע, ווי אין פראַנקרייך. אויך דאָ איז אַ גרויסער טייל קינדער דעפּאָרטירט געוואָרן. פון 4363 קינדער, וואָס זענען דעפּאָרטירט געוואָרן דורך די דייטשן, זענען צוריקגעקומען בלויז 39.

די קינדער, וואָס זענען באַהאַלטן געוואָרן ביי קריסטלעכע משפחות און אין קאַטוילישע אַנשטאַלטן, האָבן אַרויסגעוויזן אַ האַרציקע צוגעבונדנקייט צום יידישן פאָלק. דער „קאָמיטעט פאַר פאַרטיידיקונג פון יידן" פלעגט באַקומען פון זיי ריירנדע בריוולעך. אין איינעם פון די בריוולעך ווערט געזאָגט:

„אַ האַלבע שעה פאַרן גיין שלאָפן רעדן מיר צווישן זיך שטילערהייט יידיש, כדי מיר זאָלן ניט פאַרגעסן די שפּראַך וואָס מיר האָבן מיט אַזוי פיל פליים געלערנט."

אין בעלגיע קאָנצענטרירט זיך דער אַרבעטער קאָמיטעט דער עיקר אויף פאָלגנדע דריי געביטן:

1) באַזאָרגן קליידער און שפּייז פאַר קינדער,

2) אויסהאַלטן די יידישע פאָלקס־שולן,

3) אַרויספירן די קינדער אויף זומער־קעמפּס.

די י. ל. פּרץ שולן

אבוש ווערבער, אַ פירער פון די פּועלי־ציון (לינקע) אין בעלגיע, וועלכער האָט אין משך פון די אָקופּאַציע־יאָרן געשפּילט אַן אַקטיווע ראָל אין דער אומלעגאַלער באַוועגונג, האָט אין אַ באַריכט צום יידישן אַרבעטער קאָמיטעט דערציילט, אַז די י. ל. פּרץ שולן האָבן עקזיסטירט אונטער דער נאַצישער אָקופּאַציע איבער אַ יאָר צייט. ער שרייבט, אַז די שול־טוער האָבן אין מלחמה־צייט געעפנט די פּרץ שולן אין בנין פון דער בריסעלער סינאַגאָגע. הונדערטער קינדער פלעגן קומען לערנען זונטיק און דאָנערשטיק (די

אויף אַ קינדער-פאָרשטעלונג פון די י. ל. פרץ שולן אין בריסעל (בעלגיע)

טעג, ווען מען לערנט נים אין די מלוכה־שולן), ווי אויך אין די אוונטן פון די אַנדערע טעג. נים געקוקט אויף דער רחבות פון דער געביידע, איז שנעל געוואָרן ענג אין שול. די שול־טוער האָבן איינגעשטעלט זייער לעבן און גע־עפנט אַ צווייטע שול שוין נים אין אַ סינאַגאָגע, אויך די צווייטע שול איז שנעל געוואָרן איבערגעפילט.

אין יאָר 1942 האָט מען געמוזט די שולן שנעל שליסן. עס האָבן זיך אָנגעהויבן די דעפּאָרטאַציעס און מען האָט געדאַרפט די קינדער אויסבאַ־האַלטן.

און אָט איז געקומען די באַפרייאונג! די י. ל. פּרץ שול איז גלייך צוריק געעפנט געוואָרן אין אַ הויז, וואָס האָט פריער געהערט צו דער בעל־גישער פאַשיסטישער אָרגאַניזאַציע „רעקס". א. ווערבער שרייבט:

„צוויי הונדערט פופציק קינדערלעך, אויסגעמאַטערטע, פאַרלאָזענע, פאַר־בענקטע, אָפּגעפרעמדטע און אָפּגעריסענע פון יידן און יידישקייט, זענען זיך צונויפגעלאָפן אין דער פּרץ שול, פון די קלויסטערס און די פּריוואַטע קאַטוילישע פאַמיליעס. פון שטאָט און דאָרף, פון אַלע ווינקעלעך אין לאַנד זענען די יידישע קינדערלעך ווידער געקומען אין דער יידישער שול און מיטן פרישן ברען, מיט אָנגעשפּיצטע אויערלעך זיך אויפסניי צוגעהערט צו דעם שוין פרעמד־קלינגנדיקן יידישן וואָרט. אויפסניי האָבן די קינדערשע מיילעכלעך זיך געעפנט צו זינגען דאָס יידישע ליד."

לעצטנס איז אין בריסל געעפנט געוואָרן אַ צווייטע פּרץ שול.

געזעלשאַפט „קינדער־פריינט"

די געזעלשאַפט „קינדער־פריינט", וואָס זאָרגט פאַר דער מאָדערנער יידי־שער דערציאונג אין בעלגיע, עקזיסטירט שוין זינט 1929. די אַרבעט, וועלכע איז איבערגעריסן געוואָרן אין 1940, איז אָנהויב 1945 באַנייט געוואָרן. פריינט אַלעקסאַנדער, אַ טוער פון יידישן אַרבעטער־הויז אין בעלגיע, דער געטרייער אָנפירער פון די קינדער־פריינט שולן אין בריסעל, שרייבט אַזוי:

„ווי נאָר מיר זענען פטור געוואָרן פון דער נאַצישער פעסט, האָבן מיר זיך אַ נעם געטאָן צו דער אַרבעט. אָנהויב 1945 איז די יידישע שול ווידער געשטאַנען אויף די פיס. די טייערע ניצול־געוואָרענע קינדער האָבן אָנגע־פילט די קלאַסן, מיר האָבן זיך לכתחילה מיט מורא גענומען צו דער אַר־בעט. ווי וועלן זיך די אָפּגעשראָקענע, פאַרפרעמדטע יידישע קינדערלעך, וואָס זענען יאָרן געווען אויסבאַהאַלטן, וואָס האָבן נים געטאָרט אַרויסרעדן קיין יידיש וואָרט, וואָס האָבן געדאַרפט באַהאַלטן זייער אָפּשטאַם, זייערע נעמען, זייער יידישקייט — ווי אַזוי וועלן זיי זיך באַציען צו דער יידישער שפּראַך און דער יידישער שול?

„מיר האָבן אָבער גלייך געזען, אַז אונזערע קינדער האָבן מיט פרייד אויפגענומען די יידישע שול."

תלמידים פון אַ יידישער פאָלקס-שול אין בעלגיע
(געזעלשאַפט „קינדער-פריינט")

אַ קינדער־פאָרשטעלונג פון דער געזעלשאַפט „קינדער־פריינט" אין בריסעל

אין איצטיקן מאָמענט איז די שול פעסט אַוועקגעשטעלט. צוויי פון די דריי לערערינס האָבן דורכגעמאַכט די פייניקונגען אין ווילנער געטאָ און שפּעטער קאָנצענטראַציע־לאַגערן אין עסטלאַנד, פּוילן און דייטשלאַנד.

די טוער פון דער געזעלשאַפט „קינדער־פריינט" (ווי אויך פון די י. ל. פּרץ שולן) דאַנקען דעם יידישן אַרבעטער קאָמיטעט אין אַמעריקע פאַר די קליידער און שיך, פאַר די שפּייז און שפּילצייג, און דער עיקר פאַר די ביכער און קינדער־זשורנאַלן, וועלכע זיי האָבן באַקומען. אין איין בריוו שרייבן זיי:

„היינט האָבן מיר באַקומען אַ פּעקל מיט זאַכן פאַר אונזערע קינדערלעך. מיר דאַנקען אייך האַרציק דערפאַר. איך באַדאַרף אייך ניט שרייבן, אַז מיר האָבן דאָס פּעקל גענומען מיט ציטערנדיקע הענט און מיט טרערן אין די אויגן. עס האַנדלט זיך ניט בלויז וועגן די זאַכן, וואָס זענען זייער נייטיק, נאָר וועגן דעם געפיל פון ברידערלעכער הילף, די טייערע סאָלידאַריטעט פון די יידישע אַרבעטער אין אַמעריקע פאַר דעם שווער־געפּייניקטן יידישן אַרבעטער אין אייראָפּע."

יידישע קינדער־פאָרשטעלונגען אין בריסעל

פאַר דעם קליינעם יידישן ישוב אין בעלגיע זענען די עפּענטלעכע פאָר־שטעלונגען פון די יידישע קינדער די גרעסטע יום־טובים. די קינדער־שולן פוןביידע אָרגאַניזאַציעס אָרדנען איין אָפטע פאָרשטעלונגען, וואו די קינ־דער באַווייזן זיך מיט זייערע דערגרייכונגען.



„לאָמיר לייגן האַנט אויף אַקסל, לאָמיר אַלע טאַנצן."



קליינע יידישע קינדער אין בריסעל פירן אויס ספּאָרט־איבונגען

„לאָמיר זינגען אַ ליד צו דער יידישער שול"
(קינדער-פאָרשטעלונג אין בריסעל)



יידישע קינדער פון בריסל פאָרן אַרויס אויף אַ זומער-קאָלאָניע

דער לערער קעניג, וואָס פירט אָן מיט די גימנאַסטישע איבונגען, איז דער זעלבער קעניג, וועמענס דערשיטערנדע באַשרייבונגען פון וואַרשעווער געטאָ און פון טרעבלינקאַ האָבן זיך געדרוקט אין דער אַמעריקאַנער יידי־שער פּרעסע.

דעם מוטיקן, איבערגעגעבענעם גייסט פון אונזערע שול־בויער אין בריסעל גיבן אַמבעסטן איבער די פאָלגנדיקע שורות, אַרויסגענומען פון אַן איינלאַדונג צו אַ קינדער־פאָרשטעלונג:

„.... היינט שטייען ווידער אונזערע יינגלעך און מיידלעך, די, וואָס זענען ניצול געוואָרן פון טויט, און זינגען פריילעך יידישע לידער, רעציטירן און דערציילן און טאַנצן.

„יאָ, דאָס מאַניפעסטירט היינט איר וויטאַליטעט די יידיש-וועלטלעכע שול, די יידיש-וועלטלעכע קולטור. דאָס זאָגן מיר אָן, אַז מיר ציען ווייטער די גאָלדענע קייט פון אונזער פאָלקס-שאַפן. זעקס און אַ האַלב מיליאָן יידן האָט דער שונא אויסגעראָטן. אָבער דאָס יידיש פאָלק האָט ער ניט אומגע-בראַכט.

„און אומעטום, וואו מיר זענען, וועלן מיר אָנגורטן אונזערע לענדן, וועלן מיר נאָך מוטיקער און דרייסטער, נאָך אחריותדיקער ווירקן פאַרן אויפבוי פון אונזער פאָלקס-לעבן.

„דורך זיפצן און וויינען אויף אונזער חורבן וועלן מיר גאָרניט דער-גרייכן. נאָר אין פּאָזיטיוון אויפבויען אונזער לעבן, דאָס לעבן פון די איבערגעבליבענע יידן, איז פאַראַן אַ זין און ענטפער.

„דאָס וועט אויך זיין דער בעסטער מאָנומענט אונזערע קדושים און אַ טרייסט די געבליבענע.״

זומער־קאָלאָניעס אין בעלגיע

אויף די זומער־חדשים ווערן די קינדער פון די יידישע שולן און אויך צענדליקער אַנדערע קינדער, דער עיקר פון דעפּאָרטירטע, אַרויסגעפירט אויף זומער־קאָלאָניעס. דער יידישער אַרבעטער קאָמיטעט דעקט די בודזשע־טען פון די קאָלאָניעס. די באַשרייבונגען, וועלכע דער יידישער אַרבעטער קאָמיטעט האָט באַקומען, דערציילן וועגן כסדרדיקער פרייד און גליק פון די הונדערטער קינדער.

אין איינעם פון די בריוו, וואָס דער יידישער אַרבעטער קאָמיטעט האָט באַקומען, גיט־צו דער באַריכט־אָפּגעבער מיט ווייטיק:

„דו שטייסט פון דער וויטנס און קוקסט און טרערן קומען דיר אין די אויגן אַריין: וויפל זייערס גלייכן זענען אומגעקומען אין די לאַגערן אין טרעבלינקאַ און בירקענוי?...״

אויף אַ זומער־קאָלאָניע (בעלגיע)



אין פרישער לופט ביים קלאָרן וואַסער

אָבער די קינדער גופא קענען אין די זומער־חדשים פֿאַרגעסן אָן זייער שרעקלעכן עבר.

אויך אין בעלגיע, פּונקט ווי אין פֿראַנקרייך, אָרדנט איין דער סאָציאַ־ליסטישער קי.־דער־פֿאַרבאַנד „סקיף" אייגענע זומער־לאַגערן.

געראַטעוועטע יידישע קינדער אין אַ קינדער-היים אין פּוילן

פּוילן

בלויז פינף טויזנט יידישע קינדער האָבן זיך געפונען אויפן שטח פון פּוילן, ווען די דייטשע אַרמיי איז פון דאָרטן פאַרטריבן געוואָרן. פון רוס־לאַנד זענען אין משך פון פאָלגנדן יאָר אָנגעקומען בערך 15 טויזנט. צוזאַ־מען — צוואַנציק טויזנט.

די יידן אין פּוילן, מיטן צענטראַלן קאָמיטעט פון די פּוילישע יידן בראש, באַטראַכטן די יידישע קינדער פאַר זייער טייערסטן אוצר. זיי רינגלען זיי אַרום מיט דער גרעסטער זאָרג און ליבע. כמעט אַלע יידישע קינדער, וואָס זענען געבליבן אין פּוילן, זענען יתומים. פאַר זיי ווערן געשאַפן יתומים־הייזער, וואו לערער און לערערינס גיבן אויף זיי אַכטונג. די יתומים־הייזער ווערן איינגעאָרדנט אין גרויסע, ליכטיקע הייזער, אין סאַניטאַריומס, וואָס געפינען זיך אין וועלדער.

די שווערסטע זאַך איז צו באַזאָרגן די סאַניטאַריומס און קינדער־הייזער מיט די נויטיקע זאַכן. דער יידישער אַרבעטער קאָמיטעט איז גע־יוען גליקלעך מיטצוהעלפן אויף דעם געביט.

די ערשטע קינדער־אינסטיטוציע, צו וועלכער עס איז דערגאַנגען די הילף פון יידישן ארבעטער קאָמיטעט, איז דאָס גרויסע קינדער־הויז אין אָטוואָצק ביי וואַרשע. דאָרט געפינען זיך 126 יידישע קינדער — 70 מיידלעך און 56 יינגלעך. כמעט אַלע זענען קיילעכדיקע יתומים. דאָס יינגסטע קינד איז אַלט צוויי יאָר, דאָס עלטסטע — פערצן. אַ העלפט פון די קינדער זענען יינגער פון זעכצן יאָר.

פיר יידישע יינגלעך-פּאַרטיזאַנער. זיי האָבן אין די וועלדער געקעמפט מיט די דייטשן.

די אָנפירערין פון דעם קינדער־הויז איז לובאַ ביעליצקאַ־בלום, די אַלמנה פון העראָאישן פירער פון אומלעגאַלן „בונד" אַבראַשאַ בלום. אין משך פון אַ קורצער צייט איז מיט יעדן קינד געשען אַ נס — עס האָט זיך אויסגעלערנט לאַכן, שפּילן, פרייען. ווען מען זעט די קינדערלעך, וואָס זענען געקומען אין יתומים־הויז פון גאָס, פון קריסטלעכע הייזער, פון פּאַרטיזאַנער־אָפּטיילונגען אין די וועלדער, ווען מען הערט ווי זיי זינגען, גייט אויף אַ נחת אין האַרצן.

דער יידישער אַרבעטער קאָמיטעט באַזאָרגט הילף פאַר דעם אָטוואָצקער קינדער־הויז. ניט ווייניקער וויכטיק זענען געווען די טראַנספּאָרטן וועש און קליידער, וואָס זענען געשיקט געוואָרן פאַר דער אינסטיטוציע. פון אַ דאַנקבריוו פון לובא בעליצקאַ־בלום נעמען מיר אַרויס אַ פּאָר זאַצן:

„מיר האָבן שוין איינגעקויפט 50 קישנס פאַר די געלטער, וועלכע איר האָט אונז איבערגעלאָזן, — שרייבט די פאַרוואַלטערין צום יידישן אַרבעטער קאָמיטעט — מיר מאַכן וויטערדיקע באַשטעלונגען אַזוי, אַז אונזערע קינדער וועלען שוין האָבן אַ מענשלעכן געלעגער."

אַט איז, למשל, אַ רשימה פון זאַכן, וועלכע זענען פון יידישן אַרבעטער קאָמיטעט אָפּגעשיקט געוואָרן צום אַטוואָצקער קינדער־היים:

100 קינדער־מאַנטלען
60 אַנצוגן
40 וואַרעמע קליידער
40 אונטער-קליידלעך
100 וואַרעמע סוועטערס
125 פאַר שיך
250 פאַר זאָקן
320 העמדער
220 אונטער-הויזן
50 מאַרגן-ראָקן

100 פאַדזשאַמעס
320 ליילעכער
320 ציכלעך
320 האַנטוכער
300 נאָזטיכלעך
60 היטלעך
120 פאַר קאַלאָשן
120 פאַר הענטשקעס
און אַ סך קלענערע זאַכן
(ניי געצייג א. א.).

עס זענען אויך באַזאָרגט געוואָרן ביכער און שפּילצייג.

אין אַן אַנדער בריוו שרייבט די פאַרוואַלטערין צום יידישן אַרבעטער קאָמיטעט:

„מיר האָבן נעכטן באַקומען דעם ערשטן פּעקל ביכער. אַ דאַנק אייער מתנה וועלן אונזערע קינדער זיך לערנען דאָס געדרוקטע יידישע וואָרט — ביז איצט האָבן זיי בלויז געלערנט געשריבענע אויפן טאָוול. מיר דאַנקען אייך האַרציק פאַר אייערע מתנות, וועלכע זענען אַזוי זאָרגפעליק צוגעקליבען. אין נאָמען פון 130 קינדער פון אונזער הויז שיקן מיר אייך איבער אונזער האַרציקן דאַנק."

און אין אַ שפּעטערדיקן בריוו לייענען מיר:

„ווען איר ווייסט, וואָס פאַר אַ פאַרשריטן עס האָט געמאַכט דער לימוד פון יידיש, נאָך דעם ווי מיר האָבן באַקומען די ערשטע מעשהלעך פאַר קינדער..."

אַזעלכע אַנשטאַלטן ווי אין אַטוואָצק זענען פאַראַן אין אַ ריי אַנדערע שטעט. איינע פון די בעסטע קינדער־היימען איז אין פּעטערסוואַלד, לעבן ריכבאַך. פּעטערסוואַלד איז אין געוועזענעם דייטשן נידער־שלעזיע. איצט זענען די דייטשן פון דאָרטן אַרויסגעטריבן געוואָרן. פאַר די יידן איז אָפּגעגעבן געוואָרן אַ פּרעכטיקע סאַניטאַריום, וואָס געפינט זיך צווישן זעלטן־שיינע בערג. פריער איז דאָס געווען אַן אַפּרו־היים פאַר היטלער־יוגנט, איצט האָדעווען זיך דאָרטן יידישע קינדערלעך. אין די רחבותדיקע זאַלן שפּילן זיך איצט קינדער אָפּגעראַטעוועטע פון גאַז־קאַמערן און קאַלך־אויוונס.

און אנדער וויכטיקער קינדער־אנשטאלט געפינט זיך אין העלענעווק, ביי לאדזש. דאס איז אן ארט, וואו עס ווערן געשיקט שוואכע און קראנ־קע יידישע קינדער.

אין כאזשעוו, ביי אטוואצק, געפינט זיך א קינדער־הויז פאר 300 קינ־דער. 25 פון זיי זענען קיילעבדיקע יתומים. די מערהייט פון די קינדער איז געווען די גאנצע צייט פון דער מלחמה אין פוילן. זיי זענען געווען אין די וועלדער, ביי פאליאקן, אין בונקערס.

2,000 קינדער און 130 לערער
אין די יידישע שולן אין פוילן

דער יידישער ארבעטער קאמיטעט האט באקומען דעם פאלגנדן באריכט פון צענטראלן יידישן קאמיטעט אין פוילן וועגן די יידישע שולן:

„די ערשטע יידישע שול אויף דער באפרייטער פוילישער טעריטאריע איז אנטשטאנען אין דער שטאט, וואס האט געהאט א רומפולע טראדיציע אין דער גע־שיכטע פון יידישן שול־וועזן אין פוילן — אין ביאליסטאק.

שוין אין מאי 1945 אנטשטייט אין ביאליסטאק א דריי קלאסיקע יידישע שול. נאך ביאליסטאק קומט די ריי אויף לאדזש. אין סעפטעמבער 1945 אנטשטייט אין לאדזש א 7-קלאסיקע נארמאלע פאלקס-שול מיט יידיש אלס אונטעריכטס-שפראך, מיט 270 קינדער און 11 לערער. ביזן סוף 1945 האבן זיך יידישע שולן

קליינינקע יידישע יתומים'לעך אין א קינדער-גארטן אין לאדזש

געעפנט אין לובלין, ווארשע (אַ פרעבל-שול און פאָלקס-שול), כאָזשעוו (אַ פאָלקס-שול און אַ האַנטווערקער-שול), טשענסטאָכאָוו, קראָקע, ריכבאַך.

אין משך פון די ערשטע חדשים פון 1946 קומען צו פרישע שולן אין ווראצלאַוו, ביטאָם, וואלבזשיך. דער רעפּאַטריאַציע-שטראָם פון טויזנט יידישע קינדער אין משך פון די חדשים מערץ, אַפּריל און מאַי, שטעלט די שול-לייטונג פון צ. ק. פון יידן אין פּוילן, פאַר דער וויכטיקער און פאַראַנטוואָרטלעכער אויפגאַבע צו אָרגאַניזירן נייע שולן אויף די ערטער, וואוהין עס שטראָמט די רעפּאַטריאַנטן-מאַסע, ד. ה. אין נידער-שלעזיע. סטיכיש זענען אין דער גאָר לעצטער צייט אַנטשטאַנען שולן אין אַ גאַנצער ריי ישובים אין נידער-שלעזיע אין ביעלאַווא (170 קינדער), קלאדזקא (136 קינדער), דושקי (37 קינדער), נאָוואַ-רודא (55 קינדער), זאָמבקאָוויצע (100 קינדער), זשעמביצע (150 קינדער), שווידניצע (200 קינדער), סטזשעגאָם (50 קינדער), ליגניצא (120 קינדער), יאווער (51 קינדער). אין צוזאַמענהאַנג מיט דער רעפּאַטריאַציע האָט זיך אויך שטאַרק פאַרגרעסערט די צאָל לערער מיט הויכער, אַלגעמיינער און פּעדאַגאָגישער בילדונג און גרויסן לערער-סטאַזש. לויט פּראָוויזאָרישע אויסרעכענונגען האָבן מיר היינט אויפן שטח פון פּוילן אין די יידישע שולן ביי 2,000 קינדער און 130 לערער.

די לערער-קאָנפערענץ, וואָס איז פאָרגעקומען אין ווארשע דעם 14טן מאַי, ה. י., האָט פעסטגעשטעלט די ריכטליניעס פון אונזער שול-וועזן און האָט צוגעגרייט דעם באָדן צום ויפצורופן אין אַ קורצער צייט אַ לאַנד-קאָנפערענץ פון יידישע לערער.



יידישע פאָלק-שול אין לאָדזש

תלמידים פון דער יידישער שול אין טשענסטאכאָוו צוזאַמען מיטן פאַרשטייער פון יידישן אַרבעטער קאָמיטעט יעקב פּאַט. אויף רעכטס פון אים, ל. ברענער, פירער פון „בונד" און פאָרזיצער פון יידישן קאָמיטעט אין טשענסטאָכאָוו

אַ חוץ פינאַנציעלע שוועריקייטן זענען אַ גרויסע מניעה פאַר דער דערפאָלגרייכער אַנטוויקלונג פונם יידישן שול-וועזן געווען: דער מאַנגל אין אַן איינהייטלעכן פראָגראַם, דאָס פעלן פון לערן-ביכער, דער עיקר פון יידיש, העברעאיש און יידישער געשיכטע, ווי אויך פון פּאַסיקע שול-לאָקאַלן און געהעריקער שול-אויסשטאַטונג.

אין דעם פּרט פון שול-לאָקאַלן האָט זיך לעצטנס די לאַגע פאַרבעסערט. לאָדזש באַקומט צום נייעם שול-יאָר אַ ניי-רעמאָנטירטע, צוויי שטאָקיגע געביידע. אויך וואַרשע האָט באַקומען אַ נייעם שול-לאָקאַל. אין נידער-שלעזיע איז דאָס פּראָבלעם פון קריגן שול-לאָקאַלן אַ סך לייכטער.

אויך אין דער פראַגע פון לערן-ביכער פאַר יידיש איז לעצטנס פאָרגעקומען אַ געוויסע ענדערונג. אויף אונזעדע פילמאַליקע ווענדונגען האָט די שול-אָפּטיילונג באַקומען לעצטענס פון אַמעריקע דורכן יידישן אַרבעטער קאָמיטעט אין ניו יאָרק אַ ווערטפולע מתנה פון אַ היפשער צאָל לערן-ביכער פאַר דעם לימוד יידיש און יידישער ליטעראַטור פאַר שול-יוגנט.

עס ווערט געזאָרגט דערפאַר, אַז די קינדער, וועלכע פאַרבלייבן זומער אין שטאָט, זאָלן געניסן פון די שול-קלובן, וואו זיי וועלן 3—4 שעה אין טאָג פאַרזעצן זייערע לימודים און פאַרברענגען אין דער שול-אַטמאָספער און אויף שפּאַציר.

עס ווערן געמאַכט באַמיאונגען, אַז די פיזיש-שוואַכע קינדער זאָלן אַרויסגעשיקט ווערן אין זומער-קאָלאָניעס.

אויך אין די אינטערנאַטן ווערן די קינדער ביסלעכווייז באַקאַנט מיט דער יידישער שפּראַך און ליטעראַטור.״

דער יידישער אַרבעטער קאָמיטעט שיקט כסדר טראַנספּאָרטן שול־ביכער פאַר די קינדער. ער דעקט אויך אַ טייל פון די אויסגאַבן אויף באַצאָלן די יידישע לערער פאַר זייער אַרבעט.

צום סוף ווילן מיר נאָך דערמאָנען אַן אינסטיטוציע, מיט וועלכער דער יידישער אַרבעטער קאָמיטעט איז באַזונדערס שטאָלץ: דאָס איז די גרויסע „היים פאַר יוגנט" אין לאָדזש.

כמעט די גאַנצע יידישע יוגנט אין פּוילן איז הײמלאָז, באַזונדערס די טויזנטער יונגע בחורים און מיידלעך, וואָס קומען אָן פון סאָוועט־רוסלאַנד. דער יידישער אַרבייטער קאָמיטעט שטיצט אין לאָדזש אַ „יוגנט־היים״ פאַר 700 יוגנטלעכע. אַ גרויסער טייל פון זיי אַרבעט שוין; אַנדערע לערנען זיך ערשט די מלאכה.



מ'בויט די יוגנט־היים אין לאָדזש,
וועלכע ווערט אויסגעהאַלטן פונ'ם יידישן אַרבעטער קאָמיטעט

אָט דאָס זענען זיי, די יידישע קינדער פון איראָפּע

מיר האָבן דאָ דערציילט וועגן די קינדער־אינסטיטוציעס. באַזונדער באַלערענד זענען די געשיכטעס פון די קינדער גופא. דאָס לעבן, דאָס ניצול־ ווערן פון יעדן קינד איז אַ קייט פון וואונדערלעכע ניסים, פון אומבאַשרייב־ לעכע ליידן און פון אומגלויבלעכער גבורה.

לאָמיר זיך באַקענען מיט אַ צאָל קינדער, וואָס ווערן אויסגעהאַלטן אין די אינסטיטוציעס, וועלכע ווערן געשטיצט פון יידישן אַרבעטער קאָמיטעט אין פּוילן און אין אַנדערע לענדער.

חנה לעווקאָוויטש פון טשענסטאָכאָווע, געראַטעוועט פון גאַז-קאַמער אין אָשוויענטשים.
איצט איז זי אין קינדער-היים אין טשענסטאָכאָווע
חנה איז אַ טאַלענטירטע פּיאַניסטקע

אירענאַ קלעפּפּיש

זי איז די טאָכטער פון אומגעקומענעם העלדישן פירער פון ווארשעווער געטאָ־אויפשטאַנד מיכאל קלעפּפּיש. מיט דער הילף פון דער אונטערערדישער באַוועגונג און מיט געלט, געשיקט פון יידישן אַרבעטער קאָמיטעט, איז געלונגען אויסצובאַהאַלטן די קליינע אירענאַ דריי יאָר צייט אויף דער אַרישער זייט. אירענאַ, וואָס פרעגט זיך נאָך אַלץ אויף איר טאַטן, וואָס איז אַיין אוונט פון איר אַוועק און האָט זיך פרייוויליק אומגעקערט אין געטאָ, כדי אָנצופירן מיטן קאַמף, געפינט זיך איצט אין אַ באַקוועמער שוועדישער סאַניטאַריום נעבען שטאָקהאָלם, וואו דער יידישער אַרבעטער קאָמיטעט האָט זי אַריבערגעפירט צוזאַמען מיט איר ניצול־געוואָרענער מוטער. דאָרט וועט זי צוריק געפינען איר קינדערשע פרייד.

גבריאל פּרישדאָרף

ער איז איצט צוויי יאָר אַלט. זיין פאָטער איז געווען אַן אָנפירער פון אַ בונדישער קאַמף־אָפּטיילונג אין ווארשעווער געטאָ־אויפשטאַנד. אויך זיין מוטער, חנה, האָט זיך העלדיש באַטייליקט אין אויפשטאַנד. זי איז איינע פון דעם קליינעם הייפעלע, אפשר פון צען פערזאָן, וואָס איז געבליבן לעבן פון יענער גרויסער גיבורים־מחנה.

ווען דער אויפשטאַנד איז אונטערדריקט געוואָרן, זענען די עלטערן אַנטלאָפן אין וואַלד, וואו זיי האָבן געשאַפן אַ פּאַרטיזאַנער־גרופּע, וואָס האָט העלדיש געקעמפט קעגן די דייטשן. די פּוילישע פאַשיסטן האָבן באַשלאָסן אויסצוראָטן די יידישע קעמפער. אין דעם דאָזיקן קאַמף איז גבריאל'ס טאַטע אומגעקומען. זיין מאַמע איז שוין דאַן געווען שוואַנגער. די אונטערערדישע באַוועגונג האָט פאַרזאָרגט פאַר איר אַ דירה אין ווארשע. גבריאל, וואָס טראָגט דעם נאָמען פון זיין העלדישן טאַטן, איז געבוירן געוואָרן אין אַ קעלער (אַ בונקער) בעת די קאַמפן פון ווארשעווער אויפשטאַנד אין 1944.

די באַשרייבונג פון גבריאל'ס געבורט אין קעלער, ביי דער באַגלייטונג פון באָמבאַרדירונגען, איז איין שטיק גרויל. איינמאָל, ווען די דייטשן זענען געווען נאָענט פון דער באַהעלטעניש און גבריאל האָט אָנגעהויבן וויינען, האָבן די מענטשן אין קעלער אים געוואָלט דערשטיקן. סוף כל סוף איז אָבער געלונגען אַרויסצופירן גבריאלן און זיין מאַמע פון ווארשע. זיי האָבן געלעבט אַ יאָר צייט אין אַ דאָרף.

נאָך דער באַפרייאונג איז גבריאל מיט זיין מוטער געווען אין לאָדזש. מיט דער הילף פון יידישן אַרבעטער קאָמיטעט זענען זיי אַריבערגעפירט געוואָרן אין אַ סאַניטאַריום אין שוועדן.

„שמעון פּאַרטיזאַן" פון וואַרשע

ער איז 14 יאָר אַלט און איז מיט זיינע עלטערן אַנטלאָפן קיין באַראַנאָ־וויטש. דאָרט האָט ער אין 1941 פאַרלוירן זיינע עלטערן, וועלכע די דייטשן האָבען דערמאָרדעט. שמעון איז דאַן מיט זיין עלטערן ברודער און שוועסטער אַנטלאָפן אין די טיפע ווייסרוסישע וועלדער. צוויי וואָכן האָבן זיי געבלאָנדזשעט, ביז זיי האָבן געטראָפן אַ גרופּע פּאַרטיזאַנער. זיי האָבן זיך אָנגעשלאָסן אָן די פּאַרטיזאַנער און האָבן זיך באַטייליקט אין אומ־צאָליקע קאַמפן מיט די דייטשן. אין איינעם פון די קאַמפן איז שמעונס ברודער אומגעקומען. די שוועסטער איז געווען די קעכין פון די פּאַר־טיזאַנער. שמעון האָט זיך אויסגעצייכנט אַלס אויסשפּידער. ער האָט נקמה גענומען פאַרן בלוט פון זיינע עלטערן און ברודער.

אַ יידיש פּאַרטיזאַנער־קינד
אין אַ קינדער־היים
אין אָטוואָצק

שמעון האָט באַשריבן זיינע איבערלעבונגען אין וואַלד. די ערגסטע צייט איז געווען, ווען די אָפּטיילונג איז אַרומגערינגלט געוואָרן דורך די דייטשן. די פּאַרטיזאַנער איז סוף כל סוף געלונגען זיך דורכצורייסן דורך די דייטשע ליניעס און זיך באַהאַלטן אין די פּאָלעסיער בלאָטעס. פיר טעג און פינף נעכט זענען די פּאַרטיזאַנען געזעסן צווישן די קוסטעס, טיף איינגעזונקען אין בלאָטע. אָפּטמאָל האָט די בלאָטע געגרייכט ביזן האַלז. די גאַנצע צייט פלעגן איבער זייערע קעפּ פליען קוילן און גראַנאַטן. דורך דער גאַנצער צייט האָבן זיי ניט געגעסען.

ווען די דייטשן זענען פאַרטריבן געוואָרן, האָט זיך שמעון מיט זיין שוועסטער אומגעקערט קיין וואַרשע. ער איז אויפגענומען געוואָרן אין יידישן קינדער־הויז אין אָטוואָצק, וואו ער לערנט זיך און וועט אפשר מיט דער צייט פאַרגעסן די גרוילן פון די וואַלד־קאַמפן.

יעזשי דעמבינסקי פון וואַרשע

ער האָט דורכגעלעבט מיט זיין טאַטן און מאַמען אַלע פּייַנען פון וואַר־שעווער געטאָ. עס איז זיי געלונגען זיך אויסצובאַהאַלטן בעת אַלע דעפּאָר־טאַציעס, ביז צו דער סאַמע לעצטער „אַקציע", בעת וועלכע זיין טאַטע

איז אומגעקומען. יעזשי האָט אויך איבערגעלעבט די זעקס וואָכן פון אויפ־שטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ.

די דייטשן האָבן געכאַפּט אים און זיין מאַמע. אָבער יעזשי'ן איז געלונ־גען צו אַנטלויפן. עס האָבן זיך אָנגעהויבן חדשים פון נע ונד, פון האַרע־וואַניע פאַר בייזע פּוילישע פּויערים, פון נעכטיקן אויף אַ פעלד. ער איז לסוף אויפגענומען געוואָרן אין אַ קאַטוילישן יתומים־הויז, וואו ער האָט קונציק אויסבאַהאַלטן זיין יידישקייט.

ווען די מלחמה האָט זיך פאַרענדיקט, איז יעזשי אַנטלאָפן פון בייזן קריסטלעכן יתומים־אַנשטאַלט. ער האָט זיך דערשלעפּט קיין וואַרשע, וואו

געראַטעוועטע יידישע קינדער פון פוילן

אין אָטוואָצק

אין באזשאָוו

ער האָט, צו זיין אומבאַשרייבלעכער פרייד, געפונען זיין מאַמע אַ לעבע־דיקע. די מאַמע איז אָבער געווען צו שוואַך און האָט אים געמוזט אָפּגעבן אין יידישן קינדער־הויז אין אָטוואָצק.

דוד מודריק פון דאַמבראָוויצע, לעבן ראָוונע (וואָלין)

ווען די דייטשן זענען געקומען, אין 1941, איז ער אַלט געווען צען יאָר. אַלע יידן פון זיין שטעטעל זענען אַרויסגעפירט געוואָרן קיין סאַרני, וואו די דייטשן האָבן זיי דערשאָסן אויפ'ן שטאָט־מאַרק.

דוד'ס טאַטע האָט באַוויזן צו אַנטלויפן מיט זיין משפחה אין וואַלד. ער האָט זיך שפּעטער פאַרבונדן מיט אַ פּאַרטיזאַנער גרופּע. די פּאַרטיזאַנער האָבן געוואוינט אין הייל. מען פלעגט זיך שפּייזן מיט יאַגדעס און מיט דעם, וואָס מען פלעגט צונעמען ביי די דייטשן. טייל אוקראַינער האָבען גע־שטיצט די פּאַרטיזאַנער, אַנדערע, דאַקעגן, האָבן געהאָלפן די דייטשן. פון די הענט פון אַזעלכע אוקראַינישע נאַצים זענען טאַקע אומגעקומען דוד'ס טאַטע און מאַמע .

די דייטשן האָבן אָנגעהויבן אַ גרויסע אָפענסיווע אויף די פּאַרטיזאַנער און יענע האָבן געמוזט אַנטלויפן פון וואָלין אין די פינסקער בלאָטעס. דוד האָט דאָרטן איבערגעלעבט אומגעפער דאָס זעלבע, ווי זיין חבר שמעון. ער האָט אין דער בהלה פאַרלוירן זיין ברודער און שוועסטער און איז פאַר־בליבן איינער אַליין, צוזאַמען מיט נאָך איין פּאַרטיזאַן. זיי האָבן באַשלאָסן ניט צו וואַרטן ביז די דייטשן וועלן פאַרטריבן ווערן, נאָר זענען ביינאַכט אַריבער די פראָנט־ליניעס און אָנגעקומען צו די רוסן. דאָס איז נאַטירליך געווען זייער געפערלעך, ווייל דער פראָנט איז געווען זייער אַקטיוו און אַן אַרטילעריע־באַשיסונג איז אָנגעגאַנגען פוןביידע זייטן — און דוד איז געווען אינמיטן ביידע פייערן.

נאָך דער מלחמה איז דוד אַוועק קיין ראָוונע, אָבער ער האָט דאָרטן ניט געטראָפן קיינעם פון זיינע קרובים. דורך לובלין האָט ער זיך דערקראָגן קיין וואַרשע, פון וואַנען דער יידישער קאָמיטעט האָט אים אָפּגעשיקט אין קינדער־הויז אין אָטוואָצק.

זייער חברשאַפט האָט זיך אָנגעהויבן ווען זיי האָבן זיך אויסבאַהאַלטן פון די נאַציס

פיר יידישע יתומות און איין יתום פון וואַרשע

אין אָטוואָצקער קינדער־הויז איז פאַראַן אַ גרופּע פון פיר מיידלעך: האַלינקע, חוה, סאַבינאַ, בראַנקאַ און איין יינגל, דער ברודער פון בראַנקע, וואָס האַלטן זיך צוזאַמען. ווען זיי האָבן דערפילט, אַז די יידן אין וואַר־שעווער געטאָ וועלן אונטערגיין, זענען זיי אַנטלאָפן אין די פּאַניאַטאָווער וועלדער.

פון אָנהויב האָט נאָך חוה געהאַט איר מוטער און פאָטער, אָבער די דייטשן האָבן די מוטער געכאַפּט און דער׳הרג׳עט. אַ יינגל האָט שפּעטער געבראַכט צו די קינדער אַ בינטל האָר פון חוה׳ס מאַמע מיט שטיקלעך מאַרך צוגעקלעפּט צו די האָר. חוה איז קראַנק געוואָרן אויף אַ טיפער מרה שחורה און בלויז אַ דאַנק דער חברשאַפט פון די אַנדערע מיידלעך איז זי געבליבן לעבן. שפּעטער איז אויך אומגעקומען פון די דייטשע הענט חוה׳ס טאַטע.

אויך האַלינקע׳ס מאַמע און שוועסטער זענען דערהרגעט געוואָרן. פּאַ־ליאַקן האָבן זיי געכאַפּט און איבערגעגעבן אין דייטשע הענט.

דאָס אויסבאַהאַלטן זיך איז אין פּוילן געווען שווערער, ווי אין ווייס־רוסלאַנד אָדער פּאָלעסיע. עס זענען דאָרט ניט געווען די גרויסע פּינסקער

זי האָט געפֿונען איר מאַמען. איצט איז זי אין קינדער־היים אין באַזשאַוו

לודוויק ערענבראַר פֿון קאַלאָמיי, 11 יאָר אַלט, איצט אין קינדער־היים אין אָטוואָצק

בלאָטעס און די געדיכטע ווייסרוסישע וועלדער. די קינדער פֿלעגן מוזן כסדר אַרומוואַנדערן. מען פֿלעגט שלאָפֿן אין מיסטקאַסטנס, אין בוידעמס פֿון הינט, אין טאָילעט־הייזלעך. מען איז כסדר אויסגעשטאַנען פּייניקונגען פֿון די פּוילישע שקצים.

לסוף האָבן די מיידלעך אַנגעהויבן אַרבעטן אַלס דינסטמיידלעך ביי פּויערים. נאַטירלעך האָבן זיי זיך אַנגעגעבן אַלס פּוילישע. זיי פֿלעגן דאַרפֿן רואיק אויסהערן די אַנטיסעמיטישע רייד פֿון זייערע באַלעבאַטים. זיי האָבן זיך אָבער דערוואַרט אויף היטלער׳ס מפּלה.

רעניע וואַנס

דער מזל פֿון דער דאָזיקער וואַרשעווער יידישער מיידל איז געווען אַביסל אַנדערש, ווי פֿון די אַנדערע קינדער. ווען זי איז אַלט געווען עלף יאָר, איז זי אַנטלאָפֿן פֿון וואַרשעווער געטאָ אויף דער אַרישער זייט. זי האָט זיך חדשים־לאַנג אויסבאַהאַלטן אין בוידעמס, קעלערס, אויף טרעפּ. זי פֿלעגט זיך אויסהאַלטן פֿון בעטלען.

אַן אויפמערקזאַם אויג פֿון אַן אומלעגאַלער יידישער טועריז, וואָס האָט זיך אויסבאַהאַלטן אויף דער אַרישער זייט, האָט אָבער דערקענט, אַז רעניע איז אַ יידיש קינד. איין טאָג, דערציילט רעניע, האָט אַן אומבאַקאַנטע פֿרוי זי אַנגענומען פֿאַר דער האַנט און אַוועקגעפֿירט אין אַ קריסטלעך הויז. די קריסטלעכע פֿרוי איז געווען גוט צו רעניען, האָט פֿאַר איר געקאָכט, געוואַשן. ווען די שכנים האָבן אַנגעהויבן צו פֿאַרדעכטיקן, אַז דאָס קינד, וואָס האַלט זיך אויף, איז יידיש, האָט דער מאַן גענומען רעניען צו זיך אין פֿאַבריק און זי דאָרט אויסבאַהאַלטן.

ווען עס איז געקומען דער וואַרשעווער אויפשטאַנד פון 1944, האָט זיך רעניע באַטייליקט אין קאַמף קעגן די דייטשן. די דייטשן האָבן זי שפּעטער, צוזאַמען מיט דער גאַנצער וואַרשעווער באַפעלקערונג דעפּאָרטירט פון וואַרשע. אין אַ פּוילישן דאָרף האָט זי זיך דערוואַרט אויפן סוף פון דער מלחמה.

זי איז איצט אין קינדער־הויז אין אָטוואָצק.

זלמן פּאַנאָוויטש

האָט געוואוינט אויף נאַוואַליפּיע גאַס אין וואַרשע. זיינע עלטערן זענען אומגעקומען אין געטאָ. זלמן האָט זיך אַרויסבאַקומען אויף דער אַרישער זייט, איז געווען אַ פּאַסטוך אין אַ דאָרף. מען האָט אים פאַרשיקט אין אַ דייטשן קאָנצענטראַציע־לאַגער. ער איז אַלט זעכצן יאָר, אָבער לויט זיין פיזישער אַנטוויקלונג און אויסזען איז ער ניט מער ווי צוועלף.

זיין איצטיקע היים איז דאָס קינדער־הויז אין כאָזשעוו ביי קאַטאָוויץ.

סאָניע עלבוים און כאַשע עלבוים
פון זאַמאָשטש

די טעכטער פון שלמה עלבוים, אַ בעקער. די נאַציס האָבן אומגעבראַכט זייערע עלטערן. זיי האָבן געלעבט ווי פּוילישע שיקסעלעך אין אַ דאָרף צודיקי, וואו זיי האָבן געפּאַשעט קי אויפן פעלד. איצט זענען זיי אין קינדער־הויז אין אָטוואָצק.

ליאַראַ אָבערמייסטער פון קראַשניק

אַ קיילעכדיקע יתומה. אירע עלטערן זענען אומגעקומען אַלס וואַלד־פּאַרטיזאַנער. זי איז אין קינדער־הויז אין אָטוואָצק.

„דאָראָטשקאַ"

אַ פיר־יעריק יידיש מיידעלע, וועמענס פאַמיליע־נאָמען איז ניט באַוואוסט. ווען זי איז נאָך געווען אַן עופה'לע, האָט זי די מוטער אונטערגעוואָרפן אין אַ קאַטוילישן קלויסטער. די קאַטוילישע שוועסטער האָבן געהאָדעוועט דאָס קינד. איצט געפינט זיך „דאָראָטשקאַ" אין אָטוואָצקער קינדער־הויז.

לייב לערער פון יאַראָסלאַוו

איז געווען אַ יונגער פּאַרטיזאַנער אין די וועלדער. איצט איז ער אין קינדער־היים אין פּעטערסוואַלד, לעבן ריכבאַד (נידער־שלעזיע).

פעלאַ שערמאַן, פון קראַשניק, לעבן לובלין

זי איז אַלט צוועלף יאָר. איר טאַטע איז דערהרגעט געוואָרן דורך די דייטשן. איר מאַמע איז מיט איר אַוועק אין די לובלינער וועלדער, וואו זיי האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין אַ פּאַרטיזאַנער אָפּטיילונג. איר מוטער איז דער־שאָסן געוואָרן בעת אַ קאַמף צווישן די פּאַרטיזאַנער און די דייטשן. בעת יענעם קאַמף איז פעלאַ'ס האַנט דורכגעשאָסן געוואָרן.

דניאל בורשטיין

ער איז דער 13 יאָריקער זון פון אומגעקומענעם יידישן שרייבער אין פּוילן מ. בורשטיין. דעם קליינעם דניאלן האָט מען געפירט, צוזאַמען מיט אַלע יידן, קיין אַשוויענטשים. דניאל האָט זיך אויסגעטאָן האַלב־נאַקעט (די יידן זענען געווען אָנגעטאָן אין מלבושים מיט רויטע פּאַסן, כדי עס זאָל זיין לייכט זיי צו דערקענען) און איז אַראָפּגעשפּרונגען פון לויפנדן באַן. ער איז געבליבן ליגן אויפן פעלד מיט טיפע וואונדן אין קאָפּ. ווען ער איז געקומען צו זיך, האָט ער זיך דערשלעפּט צו אַ דאָרף, וואו ער האָט אָנגע־געבן זיין נאָמען אַלס „יאַן יאַנאַוויטש". ער האָט סוף כל סוף געפונען אַרבעט ביי אַ פּויער אין פּשעטשישנער קרייז. ער איז אַליין צוריקגעקומען קיין לאָדזש ערשט אַנדערטהאַלבן יאָר נאָכדעם, ווי די דייטשן זענען פאַרטריבן געוואָרן פון פּוילן.

ער לעבט איצט אין קינדער־היים „העלענוועק", ביי לאָדזש.

4 יידישע יתומים
אין קינדער-היים
אין פּיאָטראָלעשע
(נידערשלעזיע)

לייב לערער

די יידישע קינדער — און מיר

אויף די שוואכע פּלייצעס פון די יידישע קינדער־מאַרטירער, אין די דאָרע הענטלעך פון די יידישע יתומים האָט דער גורל אוועקגעלייגט די צוקונפט פון יידישן פאָלק אין אייראָפּע. מיר, דאָ אין אַמעריקע, מוזן אַלץ טאָן, כדי די ניצול־געוואָרענע יידישע קינדער זאָלן קענען אויפוואַקסן געזונט און שטאַרק, שטאַלצע מענטשן און שטאַלצע יידן.

די זאָרג פאַר די יידישע קינדער אין אייראָפּע איז די הייליקע אויפגאַבע פון די אַמעריקאַנער יידן עס איז אַ זכיה צו קענען צולייגן אַ האַנט צום בויען אַ היים פאַר זיי, צו באַקליידן זיי און באַשוכן.

זיי אַ פאָטער צו אַ יידישן יתום אין אייראָפּע!

זיי אַ מוטער און פאַרטרעט מיט דיין ווארעמקייט די פעלנדע ליבע פון דער אומגעבראַכטער מוטער!

דאָס זענען די צוויי וויכטיגסטע אופנים ווי אַזוי איר קענט דערפילן אייער פליכט:

ווערט די אַפּטרופּסים פון אַ יידישן יתום! דער יידישער אַרבעטער קאָמיטעט וועט אייך העלפן אַדורכפירן די פאָרמאַליטעטן, וועט אייך העלפן אויסקלויבן דאָס קינד.

אויב עס איז אייך איצט אוממעגלעך דאָס צו טאָן, קענט איר אָבער גלייך, פון היינט אָן, אַדאָפּטירן אַ יידיש קינד פון דער ווייטן. קלייבט אויס אַ קינד, אַזוי אַלט ווי אייער אייגן קינד אָדער אייניקל און גיט גלייך צו וויסן דעם יידישן אַרבעטער קאָמיטעט (175 איסט בראָדוועי, ניו יאָרק), אַז איר ווילט ווערן דער אַפּטרופּס פון דאָזיקן קינד. אַז איר ווילט פון איצט אָן דעקן די פולע הוצאות פון זיין אויסהאַלטונג, אַז איר נעמט זיך אונטער אים (אָדער איר) צו באַקליידן און באַשוכן, אַז איר וועט זאָרגן, אַז דאָס קינד זאָל, ווי אייערע אייגענע קינדער, האָבן אַ שפּילצייג, אַ נאַשוואַרג, אַ ביכל. דער יידישער אַרבעטער קאָמיטעט וועט אייך שטעלן אין פאַרבינדונג מיטן דאָזיקן קינד און וועט אייך שרייבן, ווי אַזוי אייער הילף וועט באַזאָרגט ווערן.

לילי ברענער

עס זענען פאַראַן נאָך אַנדערע וועגן פון העלפן. זאָל נאָר זיין דער ווילן, דער הייסער פאַרלאַנג, וועלן שוין געפונען ווערן די פּאַסיקסטע וועגן..

פון וויטן פּוילן, פון פראַנקרייך, פון בעלגיע, קוקן צו אייך גרויסע, ברייט־פאַנאַנדערגעעפנטע אויגן פון די יידישע קינדער. דאָס וואונדער־שיינע יידישע קינד, וואָס איר זעט אויבן, איז פינף יאָר אַלט. אין אירע פינף יאָר האָט זי געזען טויט און פאַרניכטונג. הונגער איז געווען איר נאָנטסטער פריינט. אַ האַלב יאָר צייט איז זי געווען פאַרמויערט אין אַ קעלער און ניט אָנגעזען די ליכטיקע שיין. שפּעטער האָט מען זי, מיט דער הילף פון געלטער פון יידישן אַרבעטער קאָמיטעט, אויסבאַהאַלטן ביי אַ פּויער אין דאָרף. איז אַ וואונדער, וואָס אַזוי פיל צער און טרויער קוקט אַרויס פון אירע אויגעלעך?...

עפנט אויף אייערע הערצער פאַר די יידישע קינדערלעך! לאָמיר צוזאַמען פאַרזיכערן זיי אַ וואַרימע היים, אַ פריילעכע שול. לאָמיר בויען פאַר זיי אַ לעבן פון גליק און פרייד!